יום טוב שבועות, ו' סיון תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל"ד

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......8:06
מוצאי שבת......9:38

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# א מעשה פון תפלה

## מאטי הײמליך

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען שניידן מיין גראז, שכח אייבערשטער אז מיין שכן איז געקומען צו מיר שניידן מיין גראז פאר אומזינסט.

## יעקב משה אינדארסקי

שוין אפאר חדשים וואס מיין טאטע זאל זיין געזונט ליגט אין שפיטאל וויל ער מוטשעט זיך מיט די אטעמען רח"ל, מען האט אים געדארפט איינשלעפן און לייגן אויף מאשינען, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל ווערן צוריק געזונט און שטארק און זיך שנעל ערהוילן, שכח אייבערשטער אז די וואך האט מען אים שוין אראפ גענומען פון די מאשינען און ער איז שוין אויפגעשטאנען פון די פארשלאפקייט וואס ער איז געווען, און ברוך השם איך האב שוין געקענט כאפן א שטיקל שמועס מיט אים אויפ'ן טעלעפאון.

## אברהם הערש וועבערמאן

די וואך איז פארגעקומען די חתונה פון מיין נעפיו פנחס דוד וועבערמאן נ"י אין ישיבה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א בעביסיטער פאר מיין צוויי קליינע, און מיין ווייב און קינדער זאלן האבן א וועג צו קומען, און אלעס ארום דעם טאג זאל זיך גוט אויסגעארבטן, שכח אייבערשטער עס האט זיך אלעס גוט אויסגעארבעט - איך האב געטראפן א בעביסיטער און אזוי אויך א וועג פאר מיין ווייב און קינדער, און אזוי אויך אויפן וועג האב איך פלוצלינג זיך באגעגנט מיט א הערש אויפן ראוד און די אייבערשטער האט געהאלפן איך האב עס אויסגעמיטן די לעצטע רגע. שכח אייבערשטער.

# נקודה

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָּה, אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם אֲפִילוּ דוּ הַאלְטְסְט אִין אֵיין פַאלְן. מוֹהַרַ"ש הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל מַאכְן אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "מְ'פַאלְט אוּן מְ'פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מְ'פַאלְט אוּן מְ'פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף"; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר גֵייט אָן, נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן.

# נייעס אין שטעטל

## א שבת מיט דעם ראש ישיבה שליט"א

גאר א שיינע סורפרייז איז געווען פארגאנגענעם שבת פרשת במדבר העעל"ט ווען מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען אין שטעטל אויף שבת.

עס איז געווען זייער שיינע שיעורים במשך דעם שבת, א שיעור פעולת הצדיק פאר'ן דאווענען, ווי אויך ביי די קידוש נאכ'ן דאווענען האט מען פארגעלערנט סיפורי מעשיות מעשה י"ב פון דעם בעל תפלה, און אזוי אויך ביי שלש סעודות ווי מען האט ארום גערעדט פון דעם אז אויב מען וויל האבן חשק התורה זאל מען זעהן ליב צו האבן יעדן איד אן אויסנאם.

במשך דעם שבת האט זיך דער ראש ישיבה אפאר מאל אויסגעדריקט ווי שיין די שטעטל איז, בפרט אז מען האט דא גראז אוןביימער צו קענען שפאצירן צווישן זיי און רעדן צום אייבערשטן.

מען דארף נאר זעהן עס זאל נישט ווערן צוגעוואוינט די שיינקייט פון דעם פלאץ, און עס זאל נישט פארלירן די חשיבות המקום.

ווען איך בין געווען אין יבנאל ביי מוהרא"ש אינדערהיים, און איך האב ארויסגעקיקט אויף די גאר שיינע פאנאראמע וואס מען זעהט דארט, איז געשטאנען דארט איינער וואס וואוינט אין יבנאל, און ער פרעגט מיר "וואס קוקסטו דא אזוי סאך"? איך דערמאן מיך זאגט ער מיר - ווען איך האב זיך דא אהערגעצויגן אין יבנאל בין איך אויך אזוי געשטאנען ביי די פענסטער און געקיקט אויף די שיינע בערג און טאלן וואס מען זעהט, אבער מיט די צייט זעה איך עס שוין נישט.

## שמחת באווארפן אין שטעטל

אנשי שלומינו האבן מיטגעהאלטן דעם פארגאנגענעם שבת גאר א שיינע שמחת באווארפן פון החתן פנחס דוד בן ר' אהרן וועבערמאן נ"י, די נאנטע משפחה פון ביידע זייטן זענען געקומען מיטהאלטן דעם שיינעם שבת ווי עס איז טאקע אדורך גאר פרייליך און געשמאק.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט אויפן חתן "די חתן האט געלערנט אין חדר און שפעטער אין ישיבה פאר צען יאר, ער האט זיך אנגעזאפט מיט אסאך תורה ותפלה במשך די יארן, די חתן האט באקומען גוטע לימודים וויאזוי צו זיך פירן נאך די חתונה, די חתן ווייסט נישט וואס ער ווייסט נישט - דאס וואס אנדערע מיטשען זיך נעבעך מיט שלום בית פראבלעמען און זיי ווייסן נישט וויאזוי צו פירן א שטוב ווייל זיי האבן נישט באקומען די לימודים וואס מען לערנט דא אין היכל הקודש.

# אַ בריוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים;** זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חַבֶר וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט, "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ - הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי גַם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חַבֶר וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן זָאגְן: **"בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ";** וַוייל אוֹיבּ וָואלְט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בְּרִידֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער אָנְקוּמֶען בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶער קֵיינֶער הָאט אִים דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם זִיךְ אַלֵיינְס. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִּיק דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת.

דְרֵיי זִיךְ מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זֵייעֶר עִיקָר דִיבּוּרִים אִיז פוּן הִתְחַזְּקוּת אוּן פוּן תַּכְלִית - וֶועט זִיךְ אִין דִיר אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן.

וַוארְט אוֹיס אוּן אַנְטְלוֹיף נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "יֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען נָאר גוּטְס.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו אוּן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶועזְן דִי זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ יֶעצְט נָאךְ דַיין חֲתוּנָה וַוייטֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

אַנְשְׁטָאט זִיצְן אוּן שְׁפִּילְן מִיט'ן טֶעלֶעפָאן, זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישֶׁע גְרוּפְּס וָואס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם קָאפּ פוּן לֶעבְּן, נָאכְדֶעם וָואס יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע לוֹיפְט מֶען צוּם טֶעלֶעפָאן קוּקְן וֶוער עֶס שְׁרַייבְּט יֶעצְט אוּן וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען יֶעצְט וְכוּ', וְכוּ' - לוֹיפְסְטוּ צוּם תְּהִלִּים, דוּ כַאפְּסְט אַרַיין נָאךְ אַ קַאפִּיטְל אוּן נָאךְ אַ גֶעזַאנְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ חַבְרוּתָא מִיט דַיינֶע חַבֶר'טֶעס, זִיךְ צוּזַאמֶענֶעמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט אוּן יֶעדֶער זָאל דֶערְצֵיילְן וִויפִיל מָאל מֶען הָאט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶועזְן סֵפֶר תְּהִלִּים. מֶען זָאל שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן, **ווִי שֵׁיין דָאס לֶעבְּן אִיז מִיט אַ צַדִּיק.** אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין וְוִי אַזוֹי אִיר קֶענְט מְזַכֶּה זַיין נָאךְ מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ צוּ לֶעבְּן לוֹיט דִי שֵׁיינֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן.

אַ גְרִיס פוּן דַיין חָשׁוּב'עֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא מַאן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

~~~~~~~~~~


געגעצטע פורניטשער און אפליינסעס
פאר האלב פרייז
רופט מרדכי אהרן היילפרין נ"י
845-701-9160

צו באשטעלן פרישע געבעקסן
רופט משפחת אינדארסקי
845-219-0699

בית התבשיל
רופט שלמה יאקאבאוויטש נ"י
845-637-5367